# בונה ומקים עולמות של תורה









מציץ מן החרכים על מעשי תוקפו
וגבורתו נדבת לבו הטוב של ידידינו
הרבני הנגיד הטפסר הנדיב המרומם

## הרב מאיר זעליג ריספלער הי"ו

וזוגתו החשובה מנב"ת מרת **פראדל** שתחי'
בונה ומקים עולמה של תורה וחסידות
בקהלתינו ומוסדותינו הקדושים

## שמחת שבע ברכות ומעמד הכרת הטוב

הנערכת על ידי
**ישיבה תורה ויראה דרבינו יואל**
**מסאטמאר** וויליאמסבורג יצ"ו

באולם המפואר בבנין
**בית רחל – בנין ריספלער**
יום א' לס' כי ישוב ה' לשוש עליך
י"ט אלול תשע"א לפ"ק


בנין ריספלער
ישיבת
תורה ויראה
דסאטמאר
נתייסדה ע"י
כ"ק מרן אדמו"ר הקוה"ט
בעל דברי יואל זי"ע
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

# ברוכים הבאים בשם השם

מיט פריידיגע געפילן באגריסן מיר די קרואי מועד אנשי שם, חסידים ואנשי מעשה, אנשים חשובים הנודעים בשמם הטוב, נדיבי עם ופרנסי הציבור וועלכע שטייען בראש פון די ממלכת התורה והחסידות, די מעכטיגע אימפעריע פון מלכות סאטמאר איבער גרעיטער ניו יארק, תחת דגל נשיאות כבוד קדושת מרן רבינו הגה"ק שליט"א, וועלכע זענען געקומען באשיינען די פראכטפולע שמחת שבע ברכות לכבודו פון הטפסר הנכבד בעל אכסניא של תורה פון דעם הערליכן בנין בית רחל "בנין ריספלער", הרבני הנגיד מו"ה **מאיר זעליג ריספלער** הי"ו.

עטרת זקנים בני בנים ותפארת בנים אבותם, באזונדער איז אונז א כבוד און פראכט צו ווינטשן א הארציגן ברכת מזל טוב פאר ידידינו הנדיב מו"ה **מאיר זעליג** הי"ו וזוגתו החשובה **מרת פראדל תחי'**, די אשת חיל עטרת בעלה, לרגל דעם דערגרייכונג פון דעם עת משוש, ווען מ'האט דערלעבט דעם גליקליכן מאמענט צו פירן אונטער די חופה דעם ערשטן אייניקל, החתן תמים למעלות ולמדות טובות, חכמת אדם תאיר פניו, כמר **ליפא יואל** נ"ו, פון די אויסגעצייכנטע תלמידים פון ישיבתינו הק' אין קרית יואל יצ"ו, בן בנו החשוב והמהולל בתשבחות, איש חי ורב פעלים, כבוד שמו מפארים מו"ה **ירוחם פישל חיים** הי"ו, מיט די כלה המושלמת שתחי' א גרעאטענע תלמידה פון מוסדותינו הקדושים שתחי', בת הרבני החשוב הנכבד והנערץ אהוב ונערץ על כל יודעיו ומכיריו ומעוטר בכתר שם טוב, מו"ה **משה יוסף מיטטעלמאן** הי"ו. מזל טוב, מזל טוב.

זכה ידידינו רבי מאיר זעליג הי"ו וזוגתו החשובה מרת פראדל תחי', אז אין די קורות דברי הימים פון ממלכת סאטמאר בכל קצוי תבל, ווערט זייער נאמען פאראייביגט און פארהערליכט אלס איינע פון די גרעסטע מקימי עולה של תורה, מיט דעם אפקויף פון דעם בנין הגדול והקדוש וואו עס ווערן נתחנך אלפי בנות ישראל הכשירות, על דרך ישראל סבא אויף די הייליגע יסודות וואס מרן רבינו הק' והטהור זי"ע ועכי"א האט אוועקגעשטעלט, און די אלע ערליכע אידישע דורות וואס ווערן ארויסקומען פון דעם בנין הגדול ווערט פארעכנט פאר זייער זכות למשמרת עולם, והקרן קיימת לו לעולם הבא.

**תורה מחזרת על אכסניא שלה. — ווי ריכטיג און פאסיג איז אז דער היינטיגער מסיבת שבע ברכות ווערט אפגעראכטן אין דעם הערליכן בנין המפואר וואו עס ווערן נתחנך די בנות ישראל על טהרת הקודש, דער בנין וואס טראגט מיט שטאלץ דעם נאמען "בנין ריספלער", וואס אט דער גרויסער זכות נצחי איז דער גולת הכותרת פון זיינע רייכע פעולות החובקות זרועות עולם, און דאס באגלייט אים מיט אומשאצבארע זכותים אדירים לעד ולנצח נצחים.**

בשם כל הקהל ווינטשן מיר פארן גרויסן נדיב מו"ה מאיר זעליג הי"ו און די גאנצע משפחה, אז דער זכות התורה און חינוך בנות ישראל זאל אים באגלייטן צו זען פיל תענוג ונחת דקדושה פון אלע אייניקלעך געזונטערהייט, לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך מעתה ועד עולם, און ער זאל געבענטשט ווערן מיט די ברכה המשולשת בתורה, אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד, מיט געזונטע יארן עד זקנה ושיבה, און נאך לאנגע יארן זאל קהל עדתינו זוכה זיין צו געניסן פון זיינע ברייטהארציגע נדבות לתורה ולתעודה, ביז מיר וועלן זוכה זיין צו שמחת עולם על ראשינו בביאת מלכא משיחא ומלכינו בראשינו באנפין נהירין במהרה דידן אמן.

מיט כבוד און שעצונג

**הנהלת המוסדות**

# שכר מצוה מצוה

הגאון האדיר פוסק הדור מרן בעל שבט הלוי שליט"א דערציילט, אז ביי דעם גרויסן מעמד חנוכת הבית פון די בארימטע לובלינער ישיבה, "ישיבת חכמי לובלין", וואס הגאון רבי מאיר שפירא זצ"ל האט אויפגעשטעלט אלס בית היוצר פאר תורה לייבן און ריזן פון פוילישן אידנטום, האט הגה"צ רבי משה'לע מבאיאן זצ"ל דאן אויפגעשטורעמט די הערצער פון די טויזנטער באטייליגטע, ווען ער האט אויסגערופן:

"איך בין נישט מקנא דעם גרויסן נדיב וואס האט מנדב געווען די ריזן סומע צו קענען אויפבויען די ישיבה וואס פון דא וועלן ארויסקומען גדולי תורה פאר די גאנצע וועלט, ווייל צו דעם קען יעדער זוכה זיין. נאר, חכמינו ז"ל זאגן, "שכר מצוה מצוה", דער שכר פון איין מצוה איז דאס וואס מ'איז פון הימל מזכה מיט נאך א גרעסערע מצוה, בין איך מקנא דעם גרויסן נדבן אויף די גרויסע מצוה וואס ער האט געטוהן בעפאר ער האט געגעבן דאס געלט דא פאר די לובלינער ישיבה, וואס דורך יענע מצוה האט ער זוכה געווען אנצוקומען צו אזא גרויסע מצוה פון אויפשטעלן אזא מעכטיגן בנין לתורה ולחסידות".

ביי אונזער נדיב מו"ה מאיר זעליג הי"ו איז בכלל נישט קיין וואונדער וויאזוי ער האט זוכה געווען צו דעם "שכר מצוה מצוה", צו קענען צוקומען צו אזא געוואלדיגן זכות צו געניסן פון אזא מעכטיגן בנין פאר חינוך אלפי בנות ישראל און אויפשטעלן טויזנטער ערליכע אידישע דורות אויף לאנגע יארן עד ביאת הגואל; מ'דארף בכלל נישט זוכן לאנג אין זכרון צו דערמאנען וואס זענען געווען די פריערדיגע מצוות און נדיבות הלב פון דעם גרויסן נדבן און טפסר וואס האט געברענגט די יעצטיגע געוואלדיגע מצוה.



בעל הבית מברך - כ"ק מרן רבינו שליט"א איז מכבד דעם נדיב ר' מאיר זעליג הי"ו מיט ברכת המזון ביים גרויסן שבע ברכות אין שערעטאן האטעל ב' בהעלותך תשס"ז

**הנגיד המרומם מו"ה מאיר זעליג הי"ו איז דער "נחשון בן עמינדב" ביי יעדע פראיעקט אינערהאלב די ממלכת התורה והחינוך סאטמאר, זיין נאמען פיגורירט אלס עמוד התווך ומראשי הנדיבים ביי פילע מוסדות התורה, אין חוץ לארץ און ארץ ישראל, און אויך דער ראש וראשון לכל דבר שבקדושה, שמו מפורסם בכל אפסים אלס בונה ומקים עולמות של תורה וחסידות בכל פינות ומחנות. ולמה נקרא שמו רבי מאי"ר שהוא מאיר עיני חכמים.**



המאי"ר לעולם כולו בכבודו - איבער די גאנצע וועלט איז ברייט בארימט די גרויסע נדבות פון ידידינו מו"ה מאיר זעליג הי"ו, סיי פאר מוסדות התורה דאהי און אין ארץ ישראל, זיינע מולטי-פילאנטראפיע פאר דעם וועלט בארימטן מוסד הצלה 'בוני עולם' צו ערמעגליכן לעכטיגע אידישע קינדערלעך פאר קינדערלאזע פארפעלקער ל"ע, זיינע לייסטונגען פאר קהל ומוסדות נייטרא, זיינע נדבות אין עטליכע חדרי תפלה און בתי מדרשים דקהלתינו הק' אין וויליאמסבורג און קרית יואל, והאחרון חביב דער אויפבוי פון דעם מבצר אדיר, דער היכל ביהמ"ד "זכרון יחיאל יחיאל מיכל" אין קרית ויואל משה אין מאנטיסעלאו, און דער פרישער פליגל מיט די חדרי התפלה לע"נ זיין חשובן אומפארגעסליכן שווער הרה"ח מו"ה אליעזר דוב (לייזער בער) דייטש ז"ל, וואס ווערט פארנוצט דורך טויזנטער לומדים ומתפללים אין לויף פון די זומער חדשים.

די טויזנטער שעות לימוד התורה וואס זענען שוין געלערנט געווארן אין די בנינים אדירים בנדבת לבו הטוב פונעם גרויסן בעל שמחה הי"ו, דאס באגלייט דעם נדיב וחכם לב אין אלע זיינע געשעפטן, ודין גרמא וואס ער האט די זכי' צו זיין מוסיף מחיל אל חיל, און ער האט נארוואס מוסיף געווען כהנה וכהנה און מנדב געווען דעם בנין גדול ומפואר לחינוך הבנות על טהרת הקודש, וואו טויזנטער אידישע טעכטער ווערן נתחנך לצניעות ומדות טובות, וואס דער בנין טראגט זיין נאמען מיט שטאלץ, "בנין ריספלער", למשמרת ולאות עולם.

## חכם לב יקח מצות

אויפן פסוק אין משלי (י ח) חכם לב יקח מצוות, פארטייטשט דער רבינו בחיי (הקדמה לפר' נח) "כי **מי שהוא חכם לב יקח המצות בידיו ויוציאם אל הפועל, ולא יספרם בשפתיו, אלא לוקח המצות בידו ומסתיר אותם**, וזהו מדת הצדיק המתהלך בתומו **שאינו מתפאר במעלותיו ובצדקותיו אשר עשה**, ולא יעשה המצות להתגדל ולא להתפאר ולא שיהיה בשביל זה מכובד בעיני הבריות יותר, כי ראוי האדם שיעשה טובות וחסדים כפי יכלתו ושלא יתפאר בהם ושישתדל במעשים טובים ולא יספרם בשפתיו".



**הרבני הנגיד מו"ה יחזקאל דוד בערקאוויטש הי"ו חבר הנהלת המוסדות באגריסט דעם נדיב מו"ה מאיר זעליג הי"ו - ובנו מו"ה פישל הי"ו**

ווי הייליג און פאסיג זענען די ווערטער אויף אונזער נדיב ר' מאיר זעליג הי"ו.

כבוד. פרסום. התפארות. שבחים. — ער אנטלויפט דערפון כמטחוי קשת. אויף אזוי ווייט, אז אין די לעצטע אכט-ניין יאר זינט ער האט אויפגעבויעט דעם מבצר אדיר אין די סאטמארער זומער קרי', וואס האט שוין ארויסגעגעבן הונדערטער טויזנטער שעות לימוד התורה דרבים, האט ער בלויז איין איינציג מאל געוויילט אויף א שבת אין די קרי', נישט וועלנדיג געניסן פון איבריגע כבוד און פרסום, און אויך דאס נאך פילע בקשות פון די מנהלי וגבאי הקרי'. הנמצא כזה?!

באזונדער האט ר' מאיר זעליג הי"ו זוכה געווען צו די מדה פון "חכם לב", ווי דער ערבי נחל פארטייטשט (פר' חקת) דאס לשון "יקח" מצוות, אמר 'יקח' דייקא, ר"ל **לא לבד שהצדיק עושה מצוות, אלא לוקח גם כל המצוות שהאחרים עושין**", דער עוסק במצוות נעמט מיט זיך אלע ווייטערדיגע זכותים וואס אנדערע אידן טוען אדאנק אים, און אלעס ווערט צו אים צוגעשריבן און נקראת על שמו.

# אונזער שמחה:
## שמחת התורה

הייליגע ווערטער שרייבט דער רבינו בחיי (פר' וזאת הברכה) אויפן פסוק "שמח זבולון בצאתך ויששכר באוהליך", הקדים זבולון ליששכר לפי שהוא הסיבה לתורתו של יששכר, שהוא המחזיק תורתו של יששכר, ואם לא היה מחזיק אי אפשר לו לעסוק בתורה, על כן **ראוי הוא שינחל שמחה וכבוד בשמחתה של תורה.**



במקהלות אלפי ישראל - ר' מאיר זעליג הי"ו
ביים דינער השנתי כ"א כסלו

היינט ווען מיר פרייען זיך "בשמחתה של תורה", מיט די שמחה פונעם גרויסן מחזיק תורה ובעל אכסניא של תורה, איז פאסיג אז מיר זאלן אויך מקיים זיין דעם "**ראוי הוא שינחל שמחה וכבוד**", לחלוק כבוד פאר דעם חשובן נדיב לב מו"ה מאיר זעליג הי"ו און זיין חשובע בני בית תחי', און זיך אביסל אומקוקן אויף דעם פרעכטיגן פעלד פון החזקת התורה און צדקה וחסד אינערהאלב קהלתינו ומוסדותינו הקדושים, וואס זיי האבן ערגרייכט אין די לעצטע תקופות, און מיט דעם צוטיילן דעם ריכטיג-פארדינטן כבוד פאר דעם גרויסן מחזיק תורה, וטפסר הנכבד, וכל המכבד את התורה גופו מכובד.



# איש בשורה אנכי היום!

מתוך דברות קודש של

## כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

במסיבת שבע ברכות לנדיבי לב באולם "שערעטאן ליווינגסטאן איסט" ביום ב' בהעלותך תשס"ז לפ"ק

...ס'איז דא א געוואלדיגע הצלחה אין חינוך הבנים, אבער נאך גרעסער קען מען זאגן איז די הצלחה אין חינוך הבנות. די הצלחה אינעם סדר הלימודים, די הצלחה אין צניעות, די הצלחה אין התנהגות, ס'איז למעלה מן המשוער, אסאך מער ווי מ'האט זיך פארגעשטעלט. און די אלע וואס הערן די גריסן, האבן נישט גענוג ווערטער אין מויל צו באוואונדערן דעם מוסד, וויאזוי ס'גייט דער סדר. סיי די מנהלות, סיי די מחנכות, די אלע וואס גיבן זיך אפ מיט'ן חינוך.

...נעכטן איז ביי מיר געווען א גרויסע שמחה, איך דאנק און לויב דעם הייליגן באשעפער, מ'האט געפירט אן אייניקל אונטער די חופה. ס'איז געווען א שטארק-התרגשות'דיגער מעמד.

גלייך פון די חופה, בין איך צוגעפארן אין וויליאמסבורג צום שטוב פון א **חשוב'ער נדבן, הרבני הנגיד הנכבד ר' מאיר זעליג ריספלער הי"ו, און מיר האבן גערעדט וועגן דעם בנין בית רחל**, מ'האט געקויפט דעם בית רחל בנין אויף סענפארד סטריט, ס'קאסט בערך פינף מיליאן דאלאר, מ'האט ארויסגענומען א מארטגעדזש, און ר' מאיר זעליג האט זיך אונטערגענומען, ער האט מנדב געווען, ער גייט אי"ה באצאלן דעם מארטגעדזש יעדן חודש פאר דעם בנין. מיט דעם האט ער אפגעקויפט דעם זכות פונעם בנין בית רחל, וואס וועט זיין אנגערופן על שמו.

**ס'איז ביי מיר געווען א גרויסע התרגשות און א גרויסע שמחה דער נעכטיגער טאג, וואס מ'האט באקומען אזא חשוב'ע נדבה. איך וויל נאר זאגן אז "החיה את נפשי", ער האט מיך פשוט מחי' געווען, און איך האף אז ער וועט בקרוב גיין באזוכן דעם בנין בית רחל, און ער וועט קענען זאגן "שמחתי באומרים לי בית ה' נלך", א גרויסע שמחה וועט עס אים זיין.**

ס'איז דא א ווארט פון פעטער ז"ל, ער טייטשט, כה תאמר לבית יעקב ותגיד לבני ישראל, כה תאמר לבית יעקב, אלו הנשים, זאלסט אזוי זאגן פאר די בית יעקב אלו הנשים, זאלסט אריינגעבן אזא חינוך הבנות, אז ותגיד לבני ישראל, אז זי זאל קענען איבערגעבן דעם חינוך פאר אירע קינדער. ס'איז נישט קיין וו"ו המחלק, נאר ס'איז כה תאמר לבית יעקב, אזוי זאלסטו מחנך זיין דעם בית יעקב, אז ותגיד לבני ישראל, זי זאל זיין די אידישע מאמע וואס וועט מחנך זיין אירע קינדער.

ווען איך בין געווען ביים נדבן האב איך געזאגט, אז מ'גיט פאר בית חינוך לבנות, מיינט דאס פאר האלב כלל ישראל, ווייל די וועלט איז דאך מחצה זכרים ומחצה נקיבות. האב איך אבער אינאכט געמומען, אז איך האב נישט גוט געזאגט. **ווען מ'גיט פאר בית יעקב אלו הנשים, מחנך צו זיין אידישע טעכטער, גיט מען פאר גאנץ כלל ישראל!** ווייל די מיידלעך זענען יעצט האלב, אבער ווען דער אויבערשטער וועט העלפן, זיי וועלן אויסוואקסן און זיי וועלן האבן אייגענע אידישע הייזער, וועט זיין ותגיד לבני ישראל, צו מחנך זיין אירע קינדער, הן די יונגלעך און הן די מיידלעך. **ביים געבן פאר חינוך הבנות, גיט מען נישט פאר האלב כלל ישראל, נאר מ'גיט פאר גאנץ כלל ישראל!**

**דער אויבערשטער זאל העלפן אלע מנדבים, ובפרט די גרויסע מנדבים, ר' מאיר זעליג הי"ו, זיי זאלן האבן הצלחה מיט אלעם גוטן, תענוג ונחת פון אלע קינדער, בני חיי ומזוני רויחי, שפע טוב וכל מילי דמיטב, ביז דער אויבערשטער וועט העלפן, מיר וועלן זוכה זיין אקעגנצוגיין דעם גואל צדק בב"א.**

# בית רחל - בנין ריספלער
# בית חינוך לבנות
## וויליאמסבורג יצ"ו

## חינוך בנות ישראל

בראש וראשון פון די באַרימטע נדבות פון דעם וועלט-באַרימטער פילאַנטראָפּ און תורה וחסד מעצענטאַט הטפסר מו"ה מאיר זעליג הי"ו, איז די בשורה טובה ומרנינה וואס איז באקאנט געווארן מיט קארגע וואכן צוריק, ביום חמשה עשר באב, וואס איז א ספעציעלער יום טוב פאר אידישע טעכטער, "שבהן בנות ישראל יוצאות וחולות בכרמים", אז דער וועלט באַרימטער תורה-פילאנטראפ און חרדי'שער-מעצענטאט, דער נדיב מו"ה מאיר זעליג הי"ו און זיין חשובע עקרת הבית תחי', האבן אויסגעקויפט דעם גאנצן מארגעדזש פונעם גיגאנטישן בנין בית רחל אויף סענפארד סט. וואס ווערט גערופן על שמם למשמרת עולמים, "בנין ריספלער".




די יעצטיגע נדבה פון אפקויפן דעם מארגעדזש, קומט נאך דעם ערשטן טייל פון די גרויסע נדבה, ווען הרבני הנגיד מו"ה מאיר זעליג הי"ו האט איינגעוויליגט אפצוקויפן דעם זכות עצום פונעם בנין הגדול.

ווי עס געדענקט זיך גוט, עטליכע חדשים נאכן התחדשות פון די מוסדות הקדושים אין וויליאמסבורג, נאכדעם וואס מ'האט



אפגעקויפט דעם גרויסן בנין הבית רחל אויף סענפארד סט. פאר די עטליכע טויזנט תלמידות כ"י, און מ'האט אריינגעלייגט דערין שווערע געלטער דאס איינצורישן פארן געברויך פון די תלמידות, האט זיך געפאדערט א גרויסער נדבן וואס זאל אפקויפן דעם זכות פונעם בנין, און גלייכצייטיג געניסן פון די געוואלדיגע זכותים אדירים לעד ולנצח נצחים.

# רבינו שליט"א: ר' מאיר זעליג האט מיך ממש מחי' געווען!

אונזער "בית רחל" איז שטארק באקאנט איבער די שטאט וויליאמסבורג מיט איר כתר שם טוב, און באזונדער שטייגט זי ארויס מיט דעם גייסטישן שינוי און רוחניות'דיגע רעוואלוציע וואס דאס האט געברענגט אין געביט פון חינוך הבנות איבער די שטאט אין אלגעמיין.

א גאר שווערע הארוואניע ווערט אריינגעלייגט דורך די הנהלה רוחניות אז די יסודות פון "בית רחל" זאלן זיין פעסט געבויעט אויף די גרונד-פרינציפן פונעם הייליגן מייסד רבינו הק' זי"ע, און דאס טוט מען פארשטערקערן לויט די היינטיגע מעגליכקייטן מיט גרויס געטריישאפט און איבערגעגעבנקייט. מ'שפארט נישט קיין געלט, צייט, מיה און פלאג אנצוקומען צו דעם ציל, מיט די בעסטע מחנכות ומנהלות, צו פארזיכערן דעם עתיד פון די טויזנטער תלמידות כ"י אויף די קומענדיגע יארן.

יענעם יאר, זונטאג פר' בהעלותך תשס"ז, האט הגה"צ אבד"ק ור"מ דקהלתינו שליט"א געפירט אונטער די חופה בנו פרע"ח הרב חיים צבי שליט"א. באלד נאך דעם גרויסן מעמד החופה האט דער רבי שליט"א באזוכט במעונו פון מו"ה מאיר זעליג הי"ו און אים פארגעשלאגן דעם געוואלדיגן זכות אז ער זאל אפקויפן דעם בנין לטובת חינוך הבנות, וואס וועט אים זיין א זכות עולם ונצחי.






דער גרויסער העלד און תורה וחסד מעצענטאט הרבני הנגיד מו"ה מאיר זעליג הי"ו ובני ביתו החשובה תחי', האבן באלד צוגעשטימט צום פארלאנג פון רבי'ן שליט"א, און געמאלדן אז ער איז גרייט זיך אונטערצונעמען דעם חודש'ליכן מארגעדזש וואס באטרעפט אין לויף פון עטליכע יארן די פאנטאסטישע סומע פון פינף מיליאן דאללער!

מיט א געוואלדיגע קורת רוח און הנאה האט דער רבי שליט"א אנגעווינטשן פארן גרויסן נדבן ובני ביתו שתחי', אז דער זכות פון חינוך הבנות פון אזויפיל אידישע טעכטער וואס וועלן אויפשטעלן ערליכע אידישע דורות וועט פאררעכנט ווערן לזכותם. און בזכות המצוה הגדולה זאלן זיי ווייטער זען תענוג ונחת דקדושה פון די לעכטיגע דורות ישרים ומבורכים, און ווייטער זוכה זיין צו עשירות מופלגה, באגלייט מיט ברכות משמי מעל לאורך ימים ושנים, מ'זאל זוכה זיין נאך אויף לאנגע יארן מרבה צו זיין בצדקה וחסד, להגדיל תורה ולהאדירה, און זיי זאלן געבענטשט ווערן מיט ברכה המשולשת בתורה, בכל טוב וחסד והשפעות טובות עד בלי די.

אויפצומארגנס מאנטאג נאכמיטאג איז פארגעקומען א





**כה תאמר לבית יעקב - דער הערליכער אודיטאריום צוגעגרייט צו א פראגראם פאר די תלמידות שתחי'**



רייכע און נגיד'ישע מסיבת שבע ברכות, ספעציעל פאר געקליבענע פילאנטראפן און תורה וחסד מעצענטאטן אינערהאלב די תורה וחינוך אימפעריע מלכות סאטמאר, אינעם עלעגאנטן זאל פון "שערעטאן לעגווארדיע איסט", וואס האט געדינט אלס "מעמד הכרת הטוב" פאר די פילאנטראפן אינערהאלב די סאטמארע קהלה און מוסדות, וועלכע האבן זיך געלאזט קאסטן גאר גרויסע סכומים פארן אויפבליה און וואוקס פון די מוסדות הק' אין וויליאמסבורג, ובפרט פאר דעם בנין התלמוד תורה החדש אויף ווייט עוו. אין וויליאמסבורג.







די מסיבה האט דאן ארויסגעצייגט מיט איר גלאנץ און מלכות, ווען דער ראש השמחה דער סאטמארער רבי שליט"א זיצט בראש המסובין, און ביי די פולע רייך-געדעקטע טישן דערזעען זיך "גבורים סביב לה מגבורי ישראל", די גבורי כח עושי דברו, העכער צוויי הונדערט וועלט בארימטע פילאנטראפן, נגידים מפורסמים, וועלכע לאזן זיך קאסטן גאר גרויסע סכומים פארן אויפבליה און וואוקס פון די מוסדות הק', און באשטייערן זיך פון פריש פאר דעם בנין התלמוד תורה החדש וואס מ'האט דאן צוגעענדיגט אין הארץ פון וויליאמסבורג.




דער גרויסער קאך וואו עס ווערט צוגעגרייט טויזנטער פארציאנען טעגליך.

די רייכע מסיבה וואס האט זיך פארצויגן אויף עטליכע שעה, איז געווען איין לאנגע קייט פון

קורת רוח ותענוג דקדושה, ווען יעדע ווילע הערט מען א פרישע בשורה טובה ומרנינה, אז דער נגיד, דער טפסר, און דער נדיב, האט זיך געלאזט קאסטן א סכום אדיר פארן אויפבוי פון דעם בנין הת"ת החדש, מיטן אפקויפן די זכותים אדירים פון צענדליגער חדרים, יעדעס איינע אין ווערד פון $100,000, דער זכות פון די בתי מדרשים פארן סכום פון $360,000, דער זכות פון בית המדרש פאר כיתה מכינה לישיבה קטנה פארן סכום פון $650,000, דער זכות פון די עס-זאלן און שמחה זאלן פארן סכום פון $250,000, און אנדערע זכותים אדירים יעדע איינע אין די ווערד פון שווערע טויזנטער דאללער.



אלע זכותים זענען געווארן אויפגעארבעט אין פריוואטע געשפרעכן פון די נדבנים מיט כ"ק מרן רבינו שליט"א און די חברי הנהלת המוסדות, און דאן נאכן באשטעטיגן די נדבה פון די חשובע נדבנים איז געווארן פארגעלייגט א "שטר שותפות" צווישן די הנהלת המוסדות און דעם נדבן, אויף וועלכן די חברי הנהלה האבן אונטערגעשריבן מיטן חשובן נדבן הי"ו, און איז דערנאך געווארן חתום בחתימת יד קדשו פון רבי'ן שליט"א, נכתב בשם המלך ונחתום בטבעת המלך.



איינס פון די קלאסן פאר די תלמידות







פון מינוט צו מינוט איז געוואקסן

די רשימה פון די באטייליגטע עשירים ומכובדים וועלכע זענען נענה געווארן לקול קריאת הקודש, און אויפן פלאץ אונטערגעשריבן אונטערגעשריבן דעם שטר הסכם לזכות עולם.



דער בנין בית רחל ביים סאמע ענדיגן צוגרייטן צום לערן יאר פאר די תלמידות תחי׳

העולה על כולנה, איז דער אנוועזנדער ציבור דארט נתבשר געווארן די אומגלויבליכע בשורה טובה ומרנינה, אין די דברות קודש ביי יענעם מעמד, ווען רבינו שליט״א האט געמאלדן מיט התרגשות איבער די גרויסע נדבה פון הנגיד מו״ה מאיר זעליג הי״ו, אז ער האט אפגעקויפט דעם זכות פונעם בנין בית רחל, וואס וועט זיין אנגערופן על שמו. און דער רבי שליט״א האט דאן מאריך געווען בשבח פון החזקת חינוך הבנות, וואס זיי זענען מחנך די קינדער, סיי די יונגלעך און סיי די מיידלעך, איז דאס די אויפבוי פון גאנצן כלל ישראל, וואס די אלע זכותים ווערן צוגעשריבן צו מו״ה מאיר זעליג הי״ו און זיין חשובע בני בית תחי׳.



עס איז באלד באשטימט געווארן דורך די הנהלת המוסדות, אז די בית רחל געביידע וועט ווערן גערופן על שמם למשמרת עולמים, ״בנין ריספלער״. און דער זכות עולם וועט זיי באגלייטן אויף שטענדיג, פון די פירות וואס וועט ארויסקומען פון די ווענט פון דעם בנין, צניעות, קדושה, טהרה און ערליכע אידישע דורות פון די בית יעקב אלו הנשים.



אקטיוויטעטן צימער אין בנין בית רחל

אלס אות הכרת הטוב האט דער רבי שליט״א ארויפגערופן דעם נדיב מו״ה מאיר זעליג הי״ו אויפן בימת הכבוד, און אים מכבד געווען לברך על הכוס. זאגנדיג, ״איר האט דאך אפגעקויפט א גאנץ בנין, איז בעל הבית מברך״.

זינט דאן פיגורירט מיט כבוד און פראכט דער נאמען ״בנין ריספלער״ אויף דעם גרויסן בנין בית רחל, וואס פארצייכנט מיט גאלדענע אותיות די גרויסע נדבה פונעם וועלט בארימטן נדבן און פילאנטראפ, און פאראייביגט זיין גרויסן זכות פאר חינוך הבנות פון טויזנטער ערליכע אידישע דורות על טהרת הקודש.

# תשע"א: ויקם הבנין




נאך עטליכע יאר צוריק וואס דער גרויסער נדיב מו"ה מאיר זעליג הי"ו האט אפגעקויפט דעם זכות פונעם מארגעדזש, וואס ער האט אונטערגענומען צו צאלן חודש'ליך אויף א צירקע צייט פון עטליכע יאר, איז מיט א צייט צוריק אנגעקומען די ידיעה אז צוליב פינאנציעלע פראבלעמען אין די באנק ווירטשאפט ווילן זיי פארקויפן דעם מארגעדזש פונעם בנין, האט געדראעט א באלדיגע סכנה פון פארלירן דעם בנין און אנווערן די שווערע מיליאנען וואס מ'האט שוין אריינגעלייגט דערין אין לויף פון די לעצטע פינף יאר.

ווי א שליח מן השמים איז דער גרויסער העלד נדבן מו"ה מאיר זעליג הי"ו באלד אקעגנגעקומען די הנהלת המוסדות, און בחפץ הלב זיך אנגעטראגן געגצליך אפצוקויפן דעם בנין. נאך א לענגערן מאמענט פארהאנדלען מיט די באנק האט דער גרויסער נדבן זוכה געווען אפצוקויפן דעם גאנצן מארגעדש פונעם בנין, אין ווערד פון עטליכע מיליאן דאללער וואס איז נאך געווען פארבליבן אויפן חשבון פונעם מארגעדזש, און דערמיט פולקאם איבערגענומען דעם בנין הגדול אונטערן בעלות פון די סאטמארער מוסדות הקדושים אין וויליאמסבורג, וואס וועט גלייכצייטיג פארשפארן פאר די הנהלת המוסדות די פאנטאסטישע סומע פון העכער א מיליאן דאלער אין באנק צינזן און פראצענטן יעדן חודש. ואין המצוה נקראת אלא על שם מי שגמרה.

די מעלדונג איז א דבר בעתו, ספעציעל יעצט ווען מ'גרייט זיך צום נייעם לערן יאר תשע"ב, און צוליב דעם שם טוב פון חינוך הבנות וואס ווערט אריינגעלייגט אין די תלמידות



שתחי' קומען צו פרישע הונדערטער תלמידות אין בית רחל, און יעצט ווען מען קענען אנגיין מיט דעם גאנצען חינוך אפאראט מיט מער הרחבת הדעת און רואיגקייט, אינעם בנין וואס איז פולקאם אוועקגעשטעלט אונטערן בעלות פון די מוסדות, און קיין שום איבריגע הוצאות וואס האט אפגעקאסט ביז יעצט.

# לזכרון עולם בהיכל ה'

מיט די לעצטע נדבה פון דעם גרויסן נדיב ר' מאיר זעליג הי"ו, זעט מען בחוש ווי עס ווערט ביי אים מקויים דער "מצוה גוררת מצוה", ווען אין אזא פראכטפולן גין-גאָלדענעם קייט פון תורה-פילאַנטראָפּיע וואָס האָט ווייניג איר'ס גלייכן, איז צוגעקומען אזא גרויסער זכות פון חינוך הבנות, און דורך דעם איז ער פון די ראשונים לדבר מצוה צו ווערן פאררעכנט פון די הויפט זיילן פון די סאַטמאַרער מוסדות אין וויליאַמסבורג, וואָס איז אַ זכי' גדולה שאין דוגמתה, אפצוקויפן אזא זכות נשגב אינעם צוקונפט פון אזויפיל טויזנטער ערליכע אידישע דורות וואס וועלן באשיינען די קומענדיגע דורות מיט זייער ערליכקייט און צניעות, אויפן וועג ווי ס'האט אוועקגעשטעלט דער גרויסער מייסד מרן רביה"ק זי"ע, און ווערט ווייטער געפירט בגאון ועוז דורך יבלחט"א מרן רבינו שליט"א לאורך ימים ושנים טובים.

אין די קורות דברי הימים לממלכת התורה והחינוך פון די רבבות אלפי ישראל בכל קצוי תבל וועלכע ווערן נתחנך אין די הייליגע מוסדות פונעם גרויסן מייסד הקהלה והמוסדות מרן רבינו הק' והטהור בעל דברי יואל זי"ע ולאחריו ממלא מקומו וממשיך דרכו בקודש, מרן רבינו הגה"ק בעל ברך משה זי"ע, און שטייען אונטער די הייליגע נשיאות פון יבלחט"א ממלא מקומם וממשיך דרכם בקודש כ"ק מרן הגה"ק מסאטמאר שליט"א, ווערט דער גרויסער נדבן פאראייביגט למשמרת ולאות עולם לזכרון לפני ה' תמיד, וואס אדאנק זיין גרויסע נדבה פאר דעם בנין אדיר איז ערמעגליכט געווארן איבערצופלאנצן דעם הייליגן חינוך אויף אזא מאסשטאבליכן פארנעם, מיט אלפי תלמידים ותלמידות אין די הייליגע מוסדות אין וויליאמסבורג יצ"ו.




סאַטמאַרער חסידים בכל מקומות מושבותיהם דריקן אויס פאַרן גרויסן נדיב ר' מאיר זעליג הי"ו: אשריך אשריך, וואויל איז אייך און וואויל איז אייער חלק אז איר האָט די זכי' צו נעמען אַזאַ חלק הארי אינעם צוקונפט פון אזויפיל טויזנטער דורות על טהרת הקודש בדרך ישראל סבא, און גלייכצייטיג ווינטשט מען אים אלע ברכות האמורות בתורה, אורך ימים בימינה ושמאלה עושר וכבוד, עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכי' מאושר, און דער חשובער נדבן מו"ה מאיר זעליג הי"ו און זיין אשת חיל תחי' זאלן שעפן תענוג ונחת פון דעם ריזן מבצר התורה וואס זיי האבן אהערגעשטעלט לעילוי נשמת זייערע חשובע עלטערן זכרונם לברכה, און בקרוב זאל דאס אינאיינעם מיט אלע בתי כנסיות ובתי מדרשות זיך ציען קיין ארץ הקודש בביאת הגואל אמן.

# בית המדרש והיכל התורה
## זכרון יחיאל מיכל
### קרית ויואל משה מאנטיסעלאו יצ"ו

# יקח מצוות, שילמדוהו אחרים!

לפי שחרב מקומה ופסקו העוברים והשבים, אמר (אברהם) מה אני מפסיק צדקה מביתי, הלך ונטה לו אהלו בגרר.
(ב"ר פנ"ב ס"ג)

אזוי דערציילט דער מדרש אויף דעם ראש החסד, אונזער זיידע אברהם אבינו, דער עמוד החסד וואס זיין זכות החסד באלייכט נאך ביז צום היינטיגן טאג, וזוכר חסדי אבות ומביא גואל לבני בניהם, ווען ער האט געזען ווי די שטאט סדום גייט חרוב, די שטאט איז ליידיג און ער קען מער נישט מקיים זיין די באליבטע מצוה פון צדקה וחסד, האט ער זיך באלד אוועקגעצויגן און אויפגעשטעלט זיין מקום החסד אויף אן אנדערן פלאץ.

יארן לאנג איז געווען אנגענומען דעם פאקט אז צוויי חדשים אין יאר איז די שטאט חרוב, ווען מ'איז געפארן אויף "וואקאציע" איז אלעס געווען ממש פוסט, די שטאט איז געווען ליידיג, און די קאנטרי'ס אויך... מ'איז אוועקגעפארן פון די חברותא און פון די מקומות התורה, און מ'האט ליידער מתרשל געווען בלימוד התורה. יא, אמת מ'האט געוואוסט דעם הייליגן מאמר פון רבינו הק' זי"ע אז "פונעם רבונו של עולם פארט מען נישט אוועק", מ'האט דאס גע'חזר'ט און אויסגערופן ביי דרשות, אבער דאס מציאות האט געוויזן אז די לימוד התורה אין די זומער חדשים איז געווען שוואך. ס'איז געווען א מצב פון "לפי שחרב מקומה ופסקו העוברים והשבים", די עוברים ושבים אין די בתי מדרשים זענען געווען גאר ווייניג און דער חילול כבוד התורה איז געווען אויפן גאר א שטארקן פארנעם.

**עד שבא רבי מאיר זעליג**. הגה רוחו הטהור פון דעם גרויסן נדיב, ער האט דערהערט דעם חסרון פון די תורה הקדושה, און מיט זיין ווארים הארץ פאר לימוד התורה האט ער אויפגעשטעלט דעם מקום תורה ברוב פאר והדר, שעשה אזנים לתורה, ער האט געמאכט אז ס'זאל זיין בא'טעמ'ט און געשמאק צו לערנען תורה, ס'זאל זיך גליסטן אויפצושטיין פארטאגס און לערנען ביז שפעט אין דער נאכט, ס'זאל זיין נאטורליך צו לערנען פיר, פינף און זעקס שעה רציפות אין א זונטאג, ועשה לתורה בימות הקיץ שלא תשתכח מישראל.



אין די לעצטע יארן האט דער מקום תורה זיך קונה שם געווען אלס דער גרעסטער קיבוץ פון חסיד'ישע אידן אויף לימוד התורה אין די זומער חדשים; דער בנין מפואר האט אנגעצינדן א פלאם פון עסק התורה אין א צייט וואס ס'איז געווען אין לה גואל וקרוב; דער מעכטיגער היכל הביהמ"ד האט ערוועקט הונדערטער און טויזנטער אידן עוסק צו זיין בתורה אין די צוויי פארשלאפענע חדשים; דורך דעם מקום תורה האבן טויזנטער אידן אין לויף פון די לעצטע יארן שוין געלערנט הונדערטער טויזנטער שעות תורה מיט מנוחת הנפש בקדושה וטהרה ווייט פון די זוהמת העיר; דער פראכטפולער ארט האט באמת דערהויבן דעם כבוד התורה אויף א פארנעם ווי קיינמאל בעפאר. — און אלעס קומט זיך צו פארדאנקן פאר דעם גדול המחזיק תורה מו"ה מאיר זעליג הי"ו.

**העשירי יהי' קודש**. - דער היי-יאריגער זומער תשע"א איז געווען שוין דער 10'טער זומער וואס דער מעכטיגער בנין הביהמ"ד והיכל התורה, דער מקום מיוחד שמגדלין בו תורה ותפלה מן הבוקר ועד הערב, האט געדינט אלס דער צענטראלער פלאץ אין די גאנצע קעטסקילס ראיאן וואו עס האט געווירבלט טעגליך מיט הונדערטער מנינים לתפלה און עס האט זיך געהערט דער קול תורה איבער'ן היכל פון שווערע הונדערטער לומדי תורה פון די גאנצע אומגעגנט, פון די פריע פארטאגס שעה'ן ביז אין די טיפע נאכט שטונדן, אין לויף פון אלע זומער וואכן.

גדולים וטובים, לומדים מופלגים פון אלע שיכטן און קרייזן, און בעלי בתים מפוארים הקובעים עתם לתורה, קומען צו פארן פון איבער די גאנצע מאונטענס זיך קובע צו זיין אין דעם היכל התורה, וויסנדיג אז דאס איז כמעט די איינציגסטע פלאץ וואו מ'טרעפט א הערליך ביהמ"ד, ריזיג און לעכטיג, אויסגעשטאט מיט אלע באקוועמליכקייטן און צוגעהערן, זויבער און ציכטיג, הונדערטער ספרי קודש בכל מקצועות התורה, גרייט צום לערנען אין אלע שעה'ן פון טאג, און דער קול תורה וואס קלינגט אפ פון דעם היכל התורה קלינגט אפ גאר ווייט, על קצוי ארץ וימים רחוקים, ושמו הטוב הולך לפניו.

דער בנין מפואר האט ריכטיג פארזיכערט אז "עבידנא לתורה שלא תשתכח מישראל" אין די צוויי זומער חדשים און האט אריינגעברענגט אזא חביבות התורה אין אזא ריבוי עצום פון הונדערטער אידן, מדי יום ביומו, מדי שבוע בשבוע ומדי שבת בשבתו, איבער די וואך און נאך-מער אין די ענדע וואך טעג, איי ווי געשמאק.




אויב איז פאראן א מליצה וואס מ'קען אויסבארגן אויף דעם גרויסן נדיב מו"ה מאיר זעליג הי"ו, איז דאס

דער דערמאנטער פסוק וואס שלמה המלך זאגט אין משלי (י, ח) "חכם לב יקח מצות". ווי דער אבן עזרא פארטייטשט דאס מיט גאר קורצע ווערטער כדרכו, וואס אין אונזער פאל זאגט דאס גאר אסאך. "**חכם לב, שהחכמה בלבו. יקח מצות, שילמדוהו אחרים**".

וואו איז נאך שייך א גרעסערער "חכם לב יקח מצות – שילמדוהו אחרים" ווי אונזער נדיב ר' מאיר זעליג הי"ו, וועלכער האט דערהערט דעם רוף פונעם רועה נאמן כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א און זיך אונטערגענומען אהערצושטעלן אזא מקום מפואר פאר לימוד התורה, און טאקע בלויז פארן ציל פון "שילמדוהו אחרים". ער לאזט דאס נישט פארנוצן אויף קיין שום אנדערע צוועקן, זאל זיין אפילו דאס וויכטיגסטע און הייליגסטע, גארנישט קומט נישט אויפן חשבון פון לימוד התורה דרבים.

## זכרון יחיאל מיכל

דער ריזן בית המדרש און היכל התורה טראגט דעם נאמען פון זיין אומפארגעסליכן פאטער הרבני החשוב הנכבד והנערץ, מו"ה יחיאל מיכל ריספלער ז"ל, און דער בית הגדול והקדוש שנקרא שמו עליו איז די פאסיגסטע הנצחה פאר אזא טייערן איד, ווי ר' יחיאל מיכל ז"ל, און ברענגט טאקע דעם ריכטיגן כבוד ונחת רוח לנשמתו בעולם העליון צו געניסן פון די לויטערע פירות פון לימוד התורה ותפלה אין דעם בנין אדיר ומפואר.






## דער ביהמ"ד פון אייז...

ווי ריכטיג איז געווען צו זען ביי די גרויסע חתונה פארגאנגענעם מאנטאג אווענט אין די זאלן פון קאנטינענטאל, ווען א געוויסער תלמיד חכם ומרביץ תורה האט זיך מטריח געווען פון בארא פארק צו ווינטשן מזל טוב פארן גרויסן בעל שמחה דער בעל אכסניא של תורה, ר' מאיר זעליג הי"ו. ער האט זיך פארגעשטעלט פארן נדיב: "איך בין א ראש ישיבה אין באבוב. מיינע תלמידים פארברענגען יעדן זומער איין ליל שישי א גאנצע נאכט בלימוד התורה אין אייער ביהמ"ד אין איחוד קאנטרי, בין איך געקומען אייך אויסדריקן א הכרת הטוב און ווינטשן א ברכת מזל טוב בזכות לימוד התורה".

שטייענדיג דערביי, האט א צווייטער לומד אין היכל התורה זיך אויסגעדריקט בדרך צחות פארן נדיב, אז ווי פאסיג האט די הנהלת הקאנטרי צוגעשטעלט דעם געבוי פון ביהמ"ד אין פארם פון א שטיק אייז... ווייל דורכאויס'ן גאנצן זומער קומען טויזנטער אידן זיך "אפקילן" אין דעם דאזיגן בנין הביהמ"ד...



ברם יזכר לטוב. גאר פאסיג איז צו פארצייכענען דעם לעכטיגן זכרון פון ר' יחיאל מיכל ז"ל אין דעם היכל התורה ובית מקדש מעט. כאטש ער האט שווער געארבעט פאר פרנסה, איז אבער זיין חיות און הנאה געווען אין בית המדרש. דארט האט ער געשפירט זיין חיות, גאר שטארק איז ער נזהר געווען אין קדושת בית המדרש, מיט שיעורי תורה מדי יום ביומו מיט א קביעות.

זיין אמונה בפשטות איז געווען להפליא, זיין דאווענען מיט ערליכקייט און מתינות, און אלע זיינע מעשים זענען געווען א סימבאל פון א איש חשוב, א איד פון דער אלטער היים, ווי ער מקבל געווען און אריבערגעבערענגט נאך די קריג, און דאס האט ער ווייטער אריינגעפלאנצט אין זיין זון דער גרויסער נדיב מו"ה מאיר זעליג הי"ו.

מדי שנה בשנה, אין טאג פון כ"ד תמוז, אין די יארצייט פון מו"ה יחיאל מיכל ע"ה, ווערט סערווירט א ברייטן תיקון, און די הונדערטער לומדי תורה זענען מעלה דעם זכרון פון אזא חשובן איד, וואס האט איבערגעלאזט אזא געוואלדיגע זכי' נשגבה אז אזויפיל שעות פון לימוד התורה דרבים זאלן ארויפגיין לזכותו בעולם העליון.



**וקול התורה נשמע - דער גרויסער היכל התורה אין א פשוט'ן זונטאג**

## חדרי תפלה - בית אליעזר דוב

אין לויף פון די יארן האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער בנין הגדול איז ממש אויסגעוואקסן פון קענען נאכקומען דעם ברייטן פארלאנג פון אזא ריזן ציבור וועלכע באלאגערן דעם בנין אין לויף פונעם זומער, הונדערטער לומדי תורה טעגליך, און בפרט אין די ענדע-וואך טעג, ווען עס ווירבלען מיט אומצאליגע מנינים – איינגעטיילט צו יעדע 15 מינוט – אין די פיר עקזעסטירענדע חדרי התפלה, און שווערע מאסן לומדים ומתמידים איבער די טישן אינעם היכל התורה, און עס האט זיך דערזען א געוואלדיגע געדרענג אינעם היכל הביהמ"ד.

דא איז ווידער קעגנגעקומען דער טפסר ופטרון הביהמ"ד, הנגיד מו"ה מאיר זעליג הי"ו, זעענדיג ווי זיין נדבה איז עושה פירות, אז דער בנין האט געשלאגן א רעקארד אין געביט פון לימוד התורה אין די זומער מאנאטן, האט ער זיך אנגעטראגן מקיים צו זיין "מוסיפין על העזרה" און אויסברייטערן די גבולים פון ביהמ"ד, דורך צובויען פרישע חדרים לתפלה, וואס זאל ערמעגליכן א ברייטערע צאל און גרעסערע אויסוואל פון מניני תפלה, און אזוי ארום ברענגן א ווייטערדיגע הצלחה צו דעם מבצר התורה והתפלה.

שטייענדיג דאן בתוך י"ב חדשי האבל נאך די פטירה פון איר אומפארגעסליכן פאטער, דער בארימטער תלמיד חכם מופלג ונעים הליכות הגאון החסיד מרביץ תורה וירא אלקים, מו"ה אליעזר דוב ב"ר יעקב ז"ל, באקאנט אלס ר' לייזער בער דייטש, האבן ר' מאיר זעליג הי"ו און זיין חשובע עקרת הבית מרת פראדל שתחי', אונטערגענומען דעם גרויסן פראיעקט וואס זאל טאקע זיין לעילוי נשמתו הבהירה בגנזי מרומים.

ווען ס'קומט ארויף אין זכרון דעם גרויסן נפטר הרה"ח ר' לייזער בער ז"ל, קומט באלד ארויף זיין אצילות'דיגן געשטאלט, זיצנדיג אויף זיין מקום קבוע אין בית מדרשינו הגדול אין וויליאמסבורג, מיט א הויפן גמרות, אין די פריע פארטאגס שעה'ן, און מיט זיין קול נחמד איז ער מרביץ תורה לרבים, פאר א חשובע קבוצה פון זקנים באים בשנים. מיט אזא קול נעים וערב, געמאסטן און געוואויגן, כי קולך ערב ומראיך נאוה, א חן דקדושה איז אויסגעגאסן אויף זיין פנים, און א שמחת התורה נעמט אים ארום ביים איבערגעבן דעם שיעור, וכל כולו אומר כבוד והדר, וי להאי שופרא דבלי ארעא.

קרוב ליובל שנים האט ר' לייזער בער ז"ל פארגעלערנט באשמורת הבוקר מידי יום ביומו דעם שיעור ברבים אין גמרא תוספות פאַר אַ חבורה פון זקני תלמידי חכמים. יעדן פארטאגס בשעה 5:00. אריינקומענדיג אין די פריע פארטאגס שטונדן אין סאטמארער ביהמ"ד, האט זיך שוין געהערט דער קול תורה ווי ר' לייזער בער ז"ל לערנט פאר דעם שיעור, און האט אריינגעברענגט א חיות התורה אינעם גאנצן ביהמ"ד. זייענדיג א העכסט מסודר'דיגער מענטש, האט כמעט נישט פאסירט אז ער זאל פארפאסן דעם שיעור. עס איז נישט געווען ביי אים קיין חילוק צווישן א פשוט'ן וואכן טאג צו שושן פורים, חול המועד און ענליכע זמנים. יעדן טאג איז ער פינף אזייגער שוין געווען אין ביהמ"ד גרייט פארצולערנען דעם שיעור.

ס'איז באמת געווען אַ געשמאַק אַריינצוגיין אין ביהמ"ד און זען וויאזוי אַ איד משרידי דור הישן פאַרווירקליכט דעם "שתהי' עמלים בתורה" און וויאזוי עס ווערט פאַרווירקליכט ביי אים די תפלה וואס ער האט נאָרוואס געבעטן ביי השי"ת "והערב נא ה' אלקינו את דברי תורתך בפינו וכו' ונהי' אנחנו וצאצאינו וכו' כולנו יודעי שמך", זייענדיג א דמות דיוקן פאר אלע זיינע ארומיגע וויאזוי מ'דארף עוסק זיין בתורה מיט א חיות דקדושה און שמחת התורה.

בכלל איז די תורה הקדושה געווען זיין חיות, ער האט ליב געהאט צו לערנען, און ער האט זיך נישט געלאזט פאפן ביים אפלערנען א שטיקל גמרא. ער האט זיך מעמיק געווען אין יעדע סוגיא מיט גרויס עמקות, און ער האט נאר געזוכט צו פארשטיין דעם ריכטיגן פשט.




ווי צוגעפאסט איז דאס אז אין דעם בנין הגדול והקדוש פיגורירט דער זכרון פון דעם איש חשוב, און ס'איז זיכער אז דאס שאפט א געוואלדיגע הנאה און קורת רוח פאר זיין לויטערע נשמה בגנזי מרומים, און ווערט פאררעכנט פאר זיינע זכותים לטובה בעולם העליון לעולמי עולמים.



## די פייערדיגע דרשה פון ר' לייזער בער

עס געדענקט זיך נאך גוט די "פייערדיגע" ווערטער וואס ר' לייזער בער ז"ל האט משמיע געווען בקול חנוק מדמעות, א געשטיקט קול פון הרגשים, ביום א' פר' פנחס שנת תשס"ב לפ"ק ביים גרויסן מעמד חנוכת הבית פון דעם ביהמ"ד הגדול והיכל התורה, וואס איז דאן באשיינט געווארן בראשות כ"ק מרן רבינו שליט"א און פילע גדולי הרבנים ופארי הדור שליט"א, האט ר' לייזער בער ז"ל דאן געזאגט א הארציגע דרשה, מיט א שבח והודאה פאר השי"ת אויף די זכי' וואס ער האט אז זיינע קינדער שיחי' זענען מנדב צו בויען אזא גרויסן מקום לתורה ולתפלה, און ער האט מיט א קול געשטיקט מיט טרערן געפאדערט דעם ציבור צו קומען אין ביהמ"ד לערנען אז מ'זאל קענען אנווייזן אויף דעם ביהמ"ד אלס ריכטיגער מקום תורה ותפלה.

ר' לייזער בער ז"ל האט דאן אין זיינע ווערטער דערציילט מיט גרויס התרגשות די באַקאַנטע מעשה ווען מ'האט געשטעלט אַן אבן הפינה פאַר'ן גרויסן ביהמ"ד אין אוסטראה, האט דער פאָטער פון בעל מהדורא בתרא וועלכער איז געווען אַ גביר אדיר אָפּגעקויפט דעם זכות פונעם אבן הפינה בעילום שמו, און מכבד געווען דעם מרא דאתרא רבינו שמואל אליעזר איידליס ז"ל, דער הייליגער

## ידיד בית אבא

ביים גרויסן מעמד חנוכת הבית בחודש אב תשס"ב, האט כ"ק מרן רבינו שליט"א באזונדער דערמאנט בשבחו פון ר' לייזער בער ז"ל, ווי ווייט דאס איז א שמחה פאר דעם איש חשוב ונערץ צו זען ווי זיין איידעם ר' מאיר זעליג הי"ו האט אויפגעשטעלט דעם מקום תורה ותפלה, וישמח האב ביוצאי חלציו.

דער רבי שליט"א האט דערמאַנט וואס מר אביו כ"ק מרן רבינו הגה"ק בעל ברך משה זי"ע האט געזאָגט ביים חנוכת הבית פון ביהמ"ד דקהל יטב לב אויף קליימער סטריט, אין יאָר תשל"ח, אז ער האט גרויס הנאה וקורת רוח אז דער נדבן פונעם ביהמ"ד איז אַ יליד סיגוט, וואס מיטן בויען אַ ביהמ"ד איז מען ממשיך די קדושה פון אבותינו ורבותינו.

האט דער רבי שליט"א אויסגעפירט, "היינט האָמיר דאָ הרה"ח ר' לייזער בער (הי"ו) [ז"ל], וועמענס פאָטער להבחל"ח הרה"ח ר' יעקב דייטש ז"ל איז געווען אַ תושב סיגוט און האט געוואוינט בשכינות פון די צדיקי בית סיגוט. ס'איז זיכער, האט דער רבי אויסגעפירט, אז ווען דער טאַטע (זאָל זיין געזונט) [זצ"ל] וועט הערן אזא בשורה טובה וועט ער האָבן גרויס תענוג דקדושה וקורת רוח.

# דער 'הצנע לכת' העלד!

חכמינו ז"ל לערנען (מס' תענית כ"א ע"ב) "לא מקומו של אדם מכבדו אלא אדם מכבד את מקומו". דער בעל הבית איז דער וואס איז מכבד דעם מקום און ברענגט איר ארויף צו איר שטאלץ.

יעדער מבאי היכל בית ה' אין דעם ביהמ"ד הגדול והקדוש אין די קאנטרי, ווייסט און זעט, אז דארט עקזיסטירט ריכטיג דער טערמין פון "האדם מכבד את מקומו". וואס אימער ס'פעלט זיך אויס פארן "כבוד המקום" איז דער נדיב דא. איז דאס א "פארקינג לאט" צו מאכן באקוועם פאר די לומדי תורה, איז דאס צו שטיצן דעם כולל בוקר וערב אינעם היכל הביהמ"ד, און אזוי שטייט ער מדי שנה בשנה צו זען וואו מ'קען אלס פערבעסערן דעם היכל בית ה', און לאזט זיך קאסטן סכומים אדירים צו פארזיכערן דעם אנגייענדן קול תורה ותפלה.

**יהי אור!** – היי-יאר זומער תשע"א ווען ר' מאיר זעליג האט דערהערט פון די שווערע היצן וואס האט באטראפן די קעטסקילס אין די ערשטע וואכן פונעם זומער, און ס'איז געווען א קלער אז מ'דארף פארמינערן פון די קילונג-סיסטעם, וואס וועט געוויס שטערן פאר די לומדי תורה, האט ער באלד מנדב געווען א ריזן סומע צו פארזיכערן א פארשטארקטן עלעקטריק-סיסטעם, כדי די לומדי תורה זאלן אויף קיין פאל נישט געשטערט ווערן.




מהרש"א, און דער מהרש"א האט אים לכבוד דעם מבטיח געווען אַ בן זכר, וואס איז אויסגעשטיגן דער מהדורא בתרא אויפן מהרש"א.

זייענדיג דער ריכטיגער "זקן זה שקנה חכמה", האט ר' לייזער בער ז"ל דאן הערליך אויסגעטייטשט מיט די מעשה עטליכע פסוקים פון בנין המשכן, אז אין זכות פון אויפבויען אַ בית הגדול והקדוש איז מען זוכה צו בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות. און אזוי האט ער אַרויסגעברענגט זיינע דברי שבח והודי' להשי"ת לכבוד די שמחה ווען זיין איידעם להבחל"ח ר' מאיר זעליג הי"ו שטעלט אויף דעם גרויסן ביהמ"ד לתורה ולתפלה.

מיט א געשטיקט קול האט ר' לייזער בער אויסגעפירט, "דורכ'ן זכות פון בויען אַ ביהמ"ד איז מען נישט נאָר זוכה צו "אבא מזכה ברא", נאָר אויך צו "ברא מזכה אבא". ער האט הארציג ארויסגעברענגט אז ער האט שטענדיג געשטרעבט מנציח צו זיין דעם נאָמען פון זיינע עלטערן און שוויגער עלטערן, וועלכע זענען אומגעקומען על קדושת ה', הי"ד, ער האט קיינמאָל נישט געגלויבט ער וועט נאך קענען טאָן אזא נחת רוח פאַר די עלטערן בגנזי מרומים ובפרט מיט אזא מקום תורה ותפלה פאר קהל עדת סאטמאר. יעצט האט השי"ת געהאָלפן אז זיין איידעם דער נדבן ר' מאיר זעליג הי"ו האט געבויעט דעם גרויסן ביהמ"ד און די צוויי שטיבער צום דאַוונען האט ער קורא געווען על שמם פון זיינע עלטערן, "בית יעקב" און "בית מרדכי", איז דאס אים א געוואלדיגע זכי' און כבוד.

# מה טובו אוהליך יעקב משכנותיך ישראל

**אין די שטאט וואוינט מען מער בקביעות, אבער אין די קאנטרי רופט מען אן אוהל ארעי. דער נדיב ר' מאיר זעליג ריספלער הי"ו, האט מנדב געווען דיביידע בנינים, מה טובו אוהלי"ך יעקב, דער בנין דא אין די קאנטרי וואס איז בלויז פארן זומער בבחינת אוהל, און משכנותי"ך ישראל, דער פראכטפולער בנין פאר די בית רחל, פאר די בנות ישרא"ל, וואס דער נדיב האט מנדב געווען אין די שטאט וויליאמסבורג.**

ס'איז דא א הייליג ווארט פון חתם סופר אין די דרשות, אז די עיקר שמחה בגמרה של תורה איז נאר ווען מ'הייבט אן א פרישע מצוה, דאס איז א שלימות'דיגע שמחה.

ב"ה די זומער קרי', איז יצא שמה וטבעה בעולם, ס'האט געמאכט א רעוואלוציע פאר לימוד התורה, צו וויסן אז זומער איז אויך דא א באשעפער, זומער איז אויך שייך לימוד התורה, צניעות און קדושה, וואס אלעם קומט דורך דעם גרויסן ביהמ"ד, און יעצט ווען מ'שטייט עטליכע יאר שפעטער און מ'זעט איך נפל דבר, ווי דאס ביהמ"ד איז אויסגעוואקסן, אז מ'האט געמוזט צובויען צו דעם ביהמ"ד, אז ס'זאל זיין א מקום רחבת ידים באזונדער צום לערנען און באזונדער צום דאווענען, שאפט דאס יעצט די ריכטיגע שמחה בשלימות, סיי אויפן עבר וואס מ'האט שוין עוסק געווען בתורה ביז יעצט, און א התחלה אויפן עתיד וואס מ'האט יעצט פון פריש צוגעבויעט, דאס איז א ריכטיגער יומא טבא לרבנן.

**(מתוך דב"ק כ"ק מרן רבינו שליט"א, סיום מס' גיטין בחבורת יסודי התורה,
וחנוכת חדרי התפלה בהיכל זכרון יחיאל מיכל, א' פר' בלק תשס"ח)**

אויב איז א חידוש די גרויסע נדבה פון ר' מאיר זעליג הי"ו, איז אבער פיל גרעסער דער חידוש ווי ער ווייכט אפ פון יעדע סארט כבוד און פרסום, אז ס'זאל חלילה נישט זיין "מקומו של אדם מכבדו", זיין גאנצער ציל איז טאקע "בלויז" ער ס'זאל דארט זיין א מקום תורה, וקול התורה ישמע בו מן הבוקר ועד הערב, אז די תורה הקדושה זאל דערפון פארדינען און געניסן כבוד ועוז, און נישט אז "ער" זאל האבן דערפון סיי-וועלכע כבוד המדומה - וואס וואלט אים געקומען מיט רעכט.

גדול כבוד הבית הזה לתורה ולתפלה. דער זכות פון אזויפיל הונדערטער טויזנטער שעות לימוד התורה ותפלה באגלייט זיכער דעם גרויסן נדיב הנגיד מו"ה מאיר זעליג הי"ו און זיין חשובע עקרת הבית תחי', און דורך דעם ווערן זיי פאראייביגט אין די דברי הימים פון יהדות החרדית אלס די בוני ומקימי פון דעם בית גדול וקדוש שמגדלין בו תורה ותפלה.

# בית מדרשינו המפואר
# חדר יחיאל מיכל
### וויליאמסבורג יצ"ו

## תורה ותפלה דרבים

נאך א שיינעם "חדר יחיאל מיכל" האט דער נדיב מו"ה מאיר זעליג הי"ו מנדב געווען אין בית המדרש המפואר שעל יד בית מדרשינו הגדול אין וויליאמסבורג, וואו עס קומען פאר טעגליך צענדליגער מנינים צו שחרית, מנחה און מעריב און פילצאליגע שיעורי תורה ברבים.

דער "חדר יחיאל מיכל" איז געווען פון די סאמע ערשטע הנצחות אין דעם מעכטיגן בנין, וואס פון דעם האט נאכגעפאלגט אנדערע נדבות פון חשובע נדיבים.

דער חדר ווירבלט מן הבוקר ועד הערב, ממש פון גאר פרי פארטאגס ביז זייער שפעט אויפדערנאכט מיט מניני תפלה, איינס נאך די אנדערע, מיט אומצאליגע ברכות און עניית אמן ברבים.

ווי אויך דינט דער חדר אלס דער מקום תורה דרבים וואס עס ווערן פארגעלערנט די שיעורים קבועים אין חומש רש"י מדי שבוע בשבוע, די שיעורים אין פרקי אבות מדי שבת בשבתו, די גרויסע שיעורים בהלכה פאר יעדן יו"ט, און דער זכות התורה ווערט פאררעכנט לזכותו פונעם חשובן נדבן הי"ו ולהבחל"ח לזכות עילוי נשמתו פון זיין גרויסער פאטער ר' יחיאל מיכל ע"ה במקום מנוחתו.



# בית המדרש בית ברוך
## חדר יחיאל מיכל
קרית יואל יצ"ו

**מחיל אל חיל**

פון די גאר שיינע בתי מדרשים פון קהלתינו הקדושה אין די עיר עוז לנו קרית יואל, פיגורירט דער ביהמ"ד בית ברוך, וואו עס דאווענען גאר א שיינער מספר חברי קהלתינו הק' תושבי קרית יואל, און פארברענגען דארט בשבת אחים, מיט תפלה בציבור און שיעורי תורה קבועים.

דער ביהמ"ד ווערט געפירט על מי מנוחות אונטער די הנהלה פון הגה"צ פרי עץ חיים רבי יואל שליט"א, בן יקיר פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, וועלכער איז אהוב ונערץ על כל מכיריו און איז משפיע מהודו מיט שיעורי תורה און דרשות, ושם שמים מתאהב על ידו.




אויך אין דעם ביהמ"ד האט הנגיד מו"ה מאיר זעליג הי"ו זיך געלאזט קאסטן גאר א שיינע סומע, און מנדב געווען דעם "היכל יחיאל מיכל", לעילוי נשמת זיין אומפארגעסליכן פאטער מו"ה יחיאל מיכל ע"ה, און די פירות פון אזויפיל תפלה בציבור ווערט פארעכנט לזכותו בגנזי מרומים.

* * *



# מקוה טהרה
# ד'קהל יטב לב ד'סאטמאר
וויליאמסבורג יצ"ו

## טהרתן של ישראל

אין די אנגייענדע בוי ארבעט ביים בנין פון די מקוה טהרה החדש דקהלתינו הק' אין וויליאמסבורג, האבן די חשובע עסקנים, ובראשם כבוד הגאון הצדיק המפורסם אבד"ק ור"מ דקהלתינו שליט"א וועלכער איז דער עומד בראש עבודת הקודש, זיך געווענדן צום שר הנדיבים און אנגעקלאפט על פתחו פונעם גרויסן נדיב מו"ה מאיר זעליג הי"ו.



ברכת צדיק - כ"ק מרן רבינו שליט"א וואונטש אן פארן גרויסן נדיב הי"ו לכבוד זיין נדבה פאר די מקוה טהרה

באלד ווען ער האט געהערט איבער די מאסיווע בוי ארבעט פון הרחבת גבולי הטהרה און די געוואלדיגע פעולות וואס ווערט געטוהן להרבות טהרה בישראל, מיט דעם בנין החדש וואס ווערט געבויעט אונטער א שטרענגע, שטענדיגע און אחריות'דיגע השגחה, מיט די מערסטע הידורים און חומרות






על פי היסודות פון מרן רבינו הק' זי"ע דער מייסד הקהלה ועמוד טהרתן של ישראל, האט ער בייגעשטייערט א ריזן סכום און מנדב געווען צוויי באזונדערע חדרים, "חדר יחיאל מיכל" לע"נ זיין פאטער מו"ה יחיאל מיכל ב"ר מרדכי ע"ה, און "חדר אליעזר דוב" לע"נ זיין שווער מו"ה אליעזר דוב ב"ר יעקב ע"ה.

ביי א ענגע מסיבה וואס איז פארגעקומען פארגאנגענעם חודש סיון בביתו פונעם נדיב, מיט די באטייליגונג פון בנו החביב מו"ה פישל הי"ו און בניו כשתילי זתים סביב לשולחנו, האט פערזענליך באשיינט כ"ק מרן רבינו שליט"א און דער רב שליט"א, האט דער נדבן ר' מאיר זעליג הי"ו גע'חתמ'עט דעם שטר הסכם, אויף וועלכן אויך כ"ק מרן רבינו שליט"א האט געגעבן חתימת יד קדשו, באגלייט מיט ברכת הקודש אז בזכות די געוואלדיגע אומשאצבארע מצוה להרבות טהרה בישראל, זאל ער זוכה זיין צו תענוג ונחת דקדושה מכל יוצ"ח, ושאבתם מים בששון ממעייני הישועות צו געבענטשט ווערן מיט אלע ברכות, מתוך עושר ואושר וכל טוב סלה.



**וראה בנים לבניך - כ"ק מרן רבינו שליט"א וואונטש אן פארן מחותן מו"ה פישל הי"ו און זיינע קינדער שיחיו געזען בנו החתן מו"ה ליפא יואל הי"ו**

באזונדער האט כ"ק מרן רבינו שליט"א אנגעווינטשן פאר בנו החביב מו"ה פישל הי"ו, און זיינע חשובע בחורי חמד, דער חתן ליפא יואל הי"ו ואחיו הב' החשוב שלמה הי"ו, צו שטייגן מעלה מעלה על במתי התורה והיראה, און ער זאל זען פון אלע קינדער תענוג ונחת דקדושה מיט כל מילי דמיטב.




**כתב אשר נכתב בשם המלך ונחתום בטבעת המלך**

# מה טובו אוהליך יעקב משכנותיך ישראל

דער פסוק זאגט די וואך (פר׳ בלק): מה טובו אוהליך יעקב משכנותיך ישראל.

אין די שטאט וואוינט מען מער בקביעות, אבער אין די קאנטרי רופט מען אן אוהל ארעי.

דער נדיב ר׳ מאיר זעליג ריספלער הי״ו, האט מנדב געווען דיביידע בנינים, מה טובו אוהלי״ך יעקב, דער בנין דא אין די קאנטרי וואס איז בלויז פארן זומער בבחינת אוהל, און משכנותי״ך ישראל, דער פראכטפולער בנין פאר די בית רחל, פאר די בנות ישרא״ל, וואס דער נדיב האט מנדב געווען אין די שטאט וויליאמסבורג.

*כ״ק מרן רבינו שליט״א אצל חנוכת חדרי התפלה*
*בהיכל זכרון יחיאל מיכל, א׳ פר׳ בלק תשס״ח*

Goldstar Design 718-972-3262